בסייעתא דשמיא

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

פרשת ויצא, ט כסליו תש"פ לפ"ק
שנה א' גליון י'

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......4:09
מוצאי שבת קודש.......5:39

## א מעשה פון תפלה

### שמשון הערש טייטעלבוים

איין נאכט האב איך מיך דערזעהן אין שטעטל מיט זייער ווייניג געז אין די קאר אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען זייער שפעט האב איך עס געלאזט פאר די נעקסטע טאג, אינדערפרי בין איך גלייך געגאנגען אין שול, אזוי ווי עס איז געווען זייער קאלט האב איך געלאזט אנגעצונדן די קאר אבער איך האב נישט געכאפט אז איך האב נאך זייער ווייניג געז, נאכ'ן דאווענען האב  איך באמערקט וואס עס איז געשעהן האב איך געטראכט צו פארן צום נענסטן געז סטעישן, איך בין געפארן צו איין פלאץ וואס איך האב געמיינט אז דארט איז דא א געז סטעישאן אבער עס איז נישט געווען דארט, מיין לייט האט שוין געבלינקן אז איך בין שוין אויסגעלאפן פון געז, איך האב געציטערט נישט צו בלייבן סטאק ערגעץ אינמיטן וועג, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל נאך קענען אנציען ביזן אנדערן געז סטעישאן, אזוי בין איך געפארן ביז דארט און געמאכט תפלה א גאנצן וועג, און ביים געז סטעישאן האט זיך געגעבן א לעש אויס. שכח אייבערשטער!

### אברהם הערש וועבערמאן

איך בין געבליבן סטאק אין די שניי אין די פארקינג לאט איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך קענען ארויסזעהן און שכח אייבערשטער איך האב געקענט ארויסזעהן פון די שניי, אבער כמעט ביים ארויסגיין אינגאנצן בין איך נאכאמאל סטאק געווארן און דאס איז שוין געווען אויף א וועג ווי איך האב געשטערט די גאנצע טרעפיק דארט, איך האב נאכאמאל מתפלל געווען די אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף מיר דא אינמיטן ראוד און ברוך השם אז איין צווי האב איך מיך געקענט ארויס זעהן פון די שניי.

## נייעס אין שטעטל

### בליץ באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א

דאנערשטיג פארטאגס אין שטעטל האט מען געהאט די זכיה צו האבן א באזוך פון דעם ראש ישיבה שליט"א ווי ער איז זיך געקומען אומקוקן אויפ'ן שטעטל, אנגעהויבן מיט'ן כולל ווי די ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו זעהן ווי די אינגעלייט לערנען אינדערפרי יעדער איינער זייער שיעורים, דערנאך איז געווען א ווארימע ראש חודש דאווענען, דערנאך האט די ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא ווי ער האט נאכדעם ארומגערעדט התחזקות פאר די מלמדים אנצוגיין מיט זייער הייליגע ארבעט און האבן א סאך געדולד צו די טייערע קינדערלעך.

נאכדעם איז די ראש ישיבה געזיצן א מיטינג מיט די הנהלה דורכצוגיין פארשידענע ענינים וואס איז נוגע דעם שטעטל. דערנאך איז ער געגאנגען באזוכן די אינגלעך אין חדר און געפרעגט פון יעדן קינד ער זאל פארציילן א מעשה פון תפלה, די ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט צו זעהן פונדערנאנט די לעכטיגע קינדער ווי זיי בליען און שיינען אין דעם הייליג'ן ברסלב'ע שטעטל. אויך איז ער געגאנגען באזוכן ביי די מיידלעך אין סקול און ארום גערעדט די גרויסקייט פון גיין אנגעטוהן בצניעות.

דערנאך איז פארגעקומען קביעת מזוזה אין סקול ווי די ראש ישיבה איז מכובד געווארן צו קלאפן די מזוזות.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוהן מיר וואונטשן
א הערצליכן מזל טוב פאר האברך החשוב

**ר' אברהם הערש וועבערמאן נ"י**
**וזוגתו תחי'**

צו די געבורט פון א אינגעל למזל טוב.

## מודעה

מיר ווילן מודיע זיין אז עס איז דא 10 מינוט פון שטעטל די אפיס פון די וויק פראגראם וואס עס איז רוב מאל לייידיג פון מענטשן און עס גייט זייער שנעל די גאנצע אפוינמענט, די נאמבער איז 845-292-5910

# בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת וישלח, י"ג כסליו, שנת תשע"ט לפרט קטן
לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

איך בין יעצט אויפן וועג קיין ארץ ישראל; איך שרייב דיר א בריוו פון הימל, פון העכער די וואלקענעס.

שטארק דיך טייערער ... נרו יאיר און שטארק דיין ווייב תחי'; איך וועל אם ירצה ה' מתפלל זיין פאר דיר און פאר דיין משפחה, איך וועל דערציילן פאר מוהרא"ש אלעס וואס איר טוט אויפצובויען אונזערע מוסדות.

דו האסט א גרויסער חלק אין אלע אונזערע גוטע מעשים; אינעם חדר, סקול, הדפסה און קעמפ, יעצט וועסטו אויך האבן א חלק אין דאס בויען א שיינעם שטעטל על שם רבינו; נאך אביסל וועלן מיר זוכה זיין צו האבן א "**ברסלב'ע שטעטל**" אין אמעריקע.

**מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט א שטעטל אין ארץ ישראל אויפן רבינ'ס נאמען, מיר וועלן דאס אם ירצה ה' נאכמאכן אין אמעריקע; ונזכה ונחי' ונראה.**

א בין דיר זייער דאנקבאר פארן העלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

געב איבער פאר דיין אשת חיל א דאנק פון מיר פאר איר איבערגעגעבענע ארבעט פאר די מוסד.

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ד סיון, שנת תשע"ט לפרט קטן

לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.

איך האב ערהאלטן דיין נדבה פאר די ישיבה, יישר כח.

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו העלפסט מיר אויפשטעלן א שטעטל על שם רבינו; א פלאץ וואו מיר וועלן לעבן מיט די עצות פון רבי'ן און מיר וועלן קענען ערציען אונזערע קינדער אויף דעם וועג ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט.

איך וויל דיר בעטן א פערזענליכע טובה, זאלסט איבערגעבן פאר אלע וואס ווילן קויפן אדער דינגען א הויז אינעם שטעטל אז דאס קען מען נישט טון אליינס, מען מוז זיך ווענדן צום "ועד הקריה" און נאר דורך זיי קען מען קויפן אדער דינגען. ווער עס וויל גיין אליינס וכו' וועט נישט האבן א מקום ביי אונז אין מוסד.

עס זענען דא יחידים וואס זוכן נאר צו מאכן געלט, זיי קויפן פאר אינוועסטמענט וכו' און דורכדעם הייבן זיי די פרייז פונעם געגנט, דעריבער מוז איך שטיין אויף דעם און נישט לאזן אז די פרייזן זאלן זיך הייבן.

געדענק, דער בעל תפלה האט געזאגט (סיפורי מעשיות, מעשה יב) אז פון אלע תאוות קען מען ארויסנעמען דעם מענטש, נאר נישט פון תאוות ממון; מיר זענען פון די אנשי בעל תפלה און אונזער הצלחה איז נאר ווילאנג אונזער קאפ ליגט נישט אין תאוות ממון.

דו געדענקסט דאך אוודאי ווי מוהרא"ש פלעגט זיך בארימען ביי די שיעורים, ער פלעגט אויפהייבן זיינע הייליגע צען פינגערס און זאגן מיט א שטארקייט: "איך בין ריין פון תאוות ממון", "איך וועל אוועק גיין פון די וועלט אן האבן גענומען א פרוטה פון א צווייטן"; איך קען נישט זאגן אזעלכע ווערטער, אבער איך קען זאגן אז איך ליג נישט אין תאוות ממון און מען קען מיר נישט אונטערקויפן מיט געלט.

איך וויל נישט, און איך וועל שטיין אויף דעם אז מען זאל נישט אויפהייבן די פרייזן כדי אז יונגעלייט זאלן קענען לעבן מיט שלוות הנפש, מען זאל האבן גרויסע דירות פאר ביליג וואס מען זאל קענען דעקן די הוצאות.

איך האף אז דו וועסט טון מיין ווילן און דו וועסט דאס איבערגעבן פאר אלע וואס ווילן זיך ארויסצוען, זיי זאלן נישט דינגען א דירה פאר זיי רעדן צום "**ועד הקריה**", וואס זאלן זאגן צי די פרייז פון די רענט איז נארמאל אדער איבערגעטריבן.

דו קענסט ווייזן דעם בריוו פאר אלע וואס ווילן זיך דארט באזעצן.



